בעזהשי"ת

# בְּשְׁבִילֵי הָאָרֶץ

וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל

יְבָרֶכְךָ ה' מִצִּיּוֹן וּרְאֵה בְּטוּב יְרוּשָׁלָ‍ִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ.

"**וראה**" - ותהיה רואה בטובת ירושלים בעת בנינה.
"**יברכך ה'**" - כי יברכך ה' מציון, מקור שפע הברכות כולן.
(מצודת דוד, תהלים קכח ה)

גליון מס' 16
פר' כי תצא
ט' אלול תש"פ
August 29, 2020


## בשביל הלקט

מאמרים פון ספרים הקדושים וואס ברענגן ארויס די מעלות פון א"י

### עבד שברח לארץ ישראל

שלא להחזיר עבד שברח מאדוניו מחוצה לארץ לארץ ישראל. משרשי המצוה, מה שזכרנו שרצה האל לכבוד הארץ שהבורח לשם ינצל מעבדות, כדי שנתן אל לבנו כבוד המקום ונקבע בלבבנו בהיותנו שם יראת השם יתעלה. וכל זה להועיל לעמו ולזכותם כי חפץ חסד הוא.

(ספר החינוך, כי תצא תקסח)

### שם ציווה את הברכה

ותלית אתו, ועל דרך הפשט יאמר: כי יהיה באיש חטא גדול שראוי להמיתו עליו ולתלותו על עץ לגודל חטאו, אף על פי כן לא תלין נבלתו על העץ, כי הארור מכל האדם והמקולל בהם הוא התלוי, אין בכל המיתות מיתה מנוולת ובזויה כמוה, ואין ראוי שנטמא הארץ ותהיה קללת האלהים בארץ הקדושה, כי שם ציווה את הברכה חיים עד העולם.

(רמב"ן דברים כא, כב)

### לא תחסר כל בה

...אם אנו הולכים ליקח נחלת גוים, אין הבטחה שיתנם הקב"ה בידינו, כי הקב"ה הנחיל לנו א"י וזה די לישב בו, ואין רצונו של הקב"ה לחמוד ארצות הרבה, וחלק ה' עמו א"י ותו לא, ולכך ארץ לא תחסר כל בה מבלי לחמוד ארץ נכר למלאות החסרון...

(תפארת יהונתן, כי תצא)

### חמדת כל ישראל

הנה אנשים נוסעים על כמה שנים בשביל ממון, מניחים נשותיהן וגם הם נע ונד בחוסר כל. ואני תודה לאל, נוסע לארץ הקדושה שהכל מצפים לראותה, חמדת כל ישראל וחמדת השם-יתברך, כל העליונים והתחתונים תשוקתם אליה, ואני נוסע בשלום ברוך ה'.

(אגרת הגר"א)

### לאבד עבודה זרה מא"י

ואבדתם את שמם וגו'. רבותינו ז"ל אמרו (ע"ז מ"ה ב) מה בא ללמדנו הרי כבר אמר אבד תאבדון, ואמרו שבא לומר שצריך לשרש אחר שרשי

המשך בדף ב'



חורבת כפר ליפתא, ירושלים

Credit @ylshots

## אם הבנים שמחה

הגאון רבי ישכר שלמה טייכטהאל זצ"ל הי"ד
ראב"ד פישטיאן-סלאוואקיי ובע"מ שו"ת משנה שכיר
מתורגם באידיש - מיר פרובירן זיך צו האלטן ווי נענטער צום לשון המחבר

---

### פרק ראשון

**הצרות וחבלי משיח - "קול דודי דופק"** - המשך...

שרייבט ווייטער הקדוש הנ"ל, "יעצט ווען פארשטיין, אז אויב אין די צייט פון מרן האר"י ז"ל האבן זיך די קליפות אזוי געשטארקט, וואס קענען מיר שוין זאגן אויף די יעצטיגע ביטערע צייט, זיכער דארף מען ליב האבן א יעדן איינציגן איד און מעורר זיין אויף אים אהבה און זכותים, ווייל אלעס וואס ער טוט איז נאר וועגן די פארשטערקערונג פון שלעכטס און וועגן צרות און יסורים, ביז עס איז ליידער אפגעטון געווארן די דעת פון איעדן איינעם, אלע רשעים פון די מדינה[78] און בפרט פון דייטשלאנד, שווער איך בחיי עולם, אז זיי זענען אלע אנוסים ווי א תינוק שנשבה צווישן די פעלקער און זיי רעדן אן דעת, זיי זענען אלע גרייט אין איין רגע צו פארגיסן זייער בלוט ווי וואסער על קידוש השם הגדול מיט אהבה און שמחה, מיט א פרייליך הארץ און טענץ". עכ"ד הק'. דאס איז טאקע די אמת, זיי זענען גרייט לויט זייערע השגות מיט ביז ווי ווייט זיי זענען משיג אין אידישקייט זיך מוסר נפש זיין דערויף, ווען זיי וואלטן מער משיג געווען וואלטן זיי געטון פיל מער. עכ"פ זעה ברודער, ווי דער הייליגער צדיק הנ"ל זאגט בפירוש אז מען דארף ליב האבן איעדן איד, און מיטליידן מיט איעדן איד ווייל זיי זענען אויך אנגערופן ישראל, עס איז א מצוה צו מעורר זיין זכותים אויף זיי און זיי מקרב זיין בכל מיני חיבה, ער שווערט בחיי עולם אז אלע אידישע רשעים אין אונזערע זמנים זענען פשוט אנוסים ווי א תינוק שנשבה. טראכט אריין וואס ער זאגט, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל רוח הקודש.

עכ"פ דאס איז קלאר, אז קיין שום איד אפילו די ערגסטע, וועט נישט ווערן פארשטויסן ביי די לעצטע גאולה, אלע וועלן זיך קיין ירושלים אומקערן, דער אייבישטער וועט זיי מקבל זיין באהבה מיט ליבשאפט. עס איז שוין אזוי געשען אין די צייטן פון עזרא, ווי עס שטייט[79] "הַבָּאִים מֵהַשְּׁבִי בְנֵי הַגּוֹלָה - די בני הגולה וואס זענען צוריקגעקומען פון געפענגעניש, הִקְרִיבוּ עֹלוֹת לֵאלֹקֵי יִשְׂרָאֵל - האבן מקריב געווען קרבן עולות צום ג-ט פון די אידן וכו'", זאגט אויף דעם די גמרא[80], רבי יהודה זאגט אז די קרבנות זענען געקומען אויף די עבודה זרות וואס מען האט געמאכט אין די צייטן פון צדקיהו המלך, פרעגט די גמרא, זיי זענען דאך דעמאלטס געווען א מזיד, איז רש"י מפרש, אז אויב זיי זענען געווען א מזיד מיט עבודה זרה זענען זיי דאך מחויב מיתה און א קרבן וועט נישט העלפן דערויף, ענטפערט די גמרא, אז דאס איז געווען א הוראת שעה, אזוי האט מען געפסק'נט נאר אויף יענעם צייט, איז רש"י מפרש, אז אפילו זיי זענען געווען מזידין, האבן די קרבנות געהאלפן און מכפר געווען אויף זיי. רבינו גרשם מאור הגולה[81] זאגט אויף דעם תירוץ, אז דאס איז געווען לפנים משורת הדין, עיי"ש. (איך טראכט אז דאס איז, אזוי ווי אין א יום של שמחה פון א מלך טיילט דער מלך אויס "אמנעסטיע" פאר עוברי עבירה. דער של"ה הקדוש שרייבט אין זיין ספר[82], אז אלע מדות וואס מיר זעהן ביי א מלך בשר ודם איז נשתלשל געווארן און אראפגעשלעפט געווארן פון די קדושה, עיי"ש. פון דא נעמען זיי די מדה צו טיילן "אמנעסטיע" צו מוחל זיין פאר די פארברעכער, אזוי ווי עס איז געווען אין די צייט פון עזרה, אז דער אייבישטער האט מוחל געווען פאר די אידן די עבירה פון עבודה זרה במזיד, מיט א קרבן, כדי זיי זאלן נישט פארשטויסן ווערן פון די שמחה פון גאולה).

זעהסטו פון דא אז אפילו די כופרים גמורים, עובדי ע"ז, וואס עס איז נישטא קיין הארבער פון דעם, כמבואר במס' שבועות[83], פונדעסטוועגן דאך האט דער אייבישטער זיי נישט אפגעשטויסן משמחת הגאולה, איז מיר קלאר אז אויך יעצט ווען מיר וועלן זוכה זיין צו די גאולה במהרה בימינו אמן, וועט זיכער קיין שום איד נישט פארשטויסן ווערן, אפילו די גרעסטע פושעים און מורדים וואס זענען דא אין אונזערע צייטן, א חוץ פון דעם פאקט אז אין אונזערע צייטען איז כמעט נישט דא פון די יודעים את בוראם, די וואס קענען דעם אייבירשטען און דאך ווילן זיי מורד זיין אין אים, ח"ו, זיי זענען אזוי ווי א תינוק שנשבה וואס ווייסן נישט בעסער און זענען נישט נתגדל געווארן מיט'ן רוח התורה, זיי זענען אנוסים אויף אלעם, ווי דער הייליגער קאמארנער זצ"ל שרייבט אז עס איז א מצוה זיי מקרב צו זיין, און ווי דער רמב"ם שרייבט אין הלכות ממרים[84], אז די קינדער פון די וואס האבן זיך פורש געווען פונעם ציבור, ווי די קראים, וואס זייערע קינדער זענען אויפגעוואקסן אנעם רוח התורה, זענען נישט בכלל פון די וואס מען דארף דערווייטערן, אדרבה עס איז א מצוה זיי מקרב צו זיין, עיי"ש. על כן, אונזער דור איז זיכער באליבט ביים אייבירשטען און זיי וועלן נתקרב ווערן ביי די גאולה בב"א. אזוי אויך אונז, מיר טארן זיי נישט מרחק זיין אדרבה מיר דארפן זיי יעצט מקרב זיין, נאך די אלע צרות וואס האט אונז דערגרייכט מיט די שוועריקייט פון גלות וואס גייט אויף אונז פאראיבער אין די יארן, די אידישע רשעים זענען אויך נישט פטור פון די צרות, זיי ליידן אויך ווייל זיי טראגן דעם נאמען 'איד', זייער הארץ איז שוין צולאזט און זיי זענען מכיר אז זייערע עלטערן האבן זיי געפיטערט שקר פון די רעפארעם[85] וואס זייערע עלטערן האבן זיך מיט דעם געפירט אינעם פריערדיגן דור. זיי וואלטן גערן זיך צוריקגעקערט צו אונז מיטן גאנצן הארץ נאר זיי האבן פארלוירן דעם וועג, ווייל זיי זענען שוין געווארן אפגעפרעמדעט פון אונז, מוזען מיר זיכער זיי געבן די האנט, זיי צו מקרב זיין מיט אלע מיני וועגן און אהבת אחים, זיי גייען אריין אין דעם כלל פון די ווערטער פונעם רמב"ם הנ"ל, אז עס איז א מצוה מקרב צו זיין די קינדער פון די וואס האבן זיך פורש געווען פון די תורה, זיי זענען בכלל תינוק שנשבה בין העכו"ם.

פונקט האב איך געזעהן בספר הק' "אזור אליהו" פונעם בעל שבט מוסר[86], ווי ער ברענגט אראפ דעם ילקוט תהלים[87], אויף די ווערטער אין תהלים[88], גָּעַרְתָּ גוֹיִם - די האסט פארשריגן די פעלקער, דאס גייט ארויף אויף עמלק, אִבַּדְתָּ רָשָׁע - די האסט פארלענדט דעם רשע, דאס גייט ארויף אויף עשו. וואלט איך געוואלט מיינען אז יעקב איז אויך אין דעם כלל, עס שטייט אבער נישט 'רשעים', עס שטייט נאר 'רשע', עכ"ל פונעם מדרש. זאגט ער אויף דעם, די מאמר איז וואונדערליך מיט דעם וואס ער פרעגט צו יעקב איז

המשך בדף ב'

---

[78] גאליציע, מגוריו של רבי אייזקל מקאמארנע
[79] עזרא ח, לה
[80] הוריות ו, ע"א, תמורה טו, ע"ב
[81] תמורה, ד"ה הוראת שעה היתה
[82] רבי ישעיה הלוי הורוויץ זצ"ל, בעל "שני לוחות הברית", נולד שכ"ה, נפטר ש"צ בא"י
[83] יג, ע"א
[84] פרק ג, הלכה ג
[85] תנועת המשכילים
[86] רבי אליהו הכהן האתמרי זצ"ל
[87] ילקו"ש ח"ב רמז תרמג
[88] תהלים ט, ו

יוצא לאור ע"י מכון: לֵבִּי בְּמִזְרָח, ירושלים עיה"ק

**הגהות און קאמענטארן, אדער צו ספאנסערן א וואך:** שיקט אריין צו blebo87@gmail.com

# בשבילי הארץ
וועכנטליכע גליון ארויסצוברענגען שבח ארץ ישראל



בשבילי הלקט - המשך מדף א'

האשרה, ור' עקיבא אמר שבא לומר לשנות שמה לבזיון ע"כ, ואולי שבא הכתוב ליתן אזהרה על ארץ ישראל מכל הארצות, כדרך שכתב רמב"ם ששאר ארצות הגם שאנו חייבין לאבד עבודה זרה אין אנו צריכין לחפש אחריה לאבדה מה שאין כן בארץ ישראל שצריך לחפש אחריה לאבדה מכל ארצנו ע"כ, והוא מה שדקדק לומר ואבדתם את שמם מן המקום ההוא שהיא ארץ הקדושה.

(אור החיים הק', ראה יב, ב)

## השתוקקו לעלות לארץ ישראל

...ועל כן כל חכמי התורה הקדושים בכל מצב שרק היו השתוקקו לעלות לארץ ישראל, כי אוירא דארץ ישראל מחכים, ועצם השהות אפילו לזמן מועט באויר ארץ ישראל דייה להחכים את האדם. ומסופר על הרה"ק ר' נחמן מברסלב זצוק"ל שכשנסע לארץ ישראל וירד מן הספינה ליבשה, לאחר שהלך כמה אמות אמר אם לא הייתי מתבייש הייתי חוזר מיד, כי כעת כבר השגתי מה שלא הייתי יכול להשיג בכל הזמן שהייתי בחוץ לארץ. ואומרים בשם אחד מן הצדיקים שאמר שבארץ ישראל התפלל מנחה ביום חול (א ווינטערדיגע מנחה) בהתלהבות יותר מאשר התפלל בביתו בחו"ל מנחה ביום הכיפורים. ועד היום נראה קדושת הארץ בחוש, ולמי שה' בעוזרו והוא חפץ לראות בשבח הארץ הרי הוא זוכה לראות את קדושתה.

(שפע חיים, פר' בהעלותך)

## בא"י העיקר השמחה

בפסוק למען תלמד ליראה את ה'. כבר כתבתי בשם מו"ז ז"ל כי כמו כן מסעודת שבת בא יראת ה' כו'. והענין הוא דפעם א' כתיב עבדו את ה' בשמחה ופ"א כתיב עבדו את ה' ביראה ובזוה"ק כאן כד ישראל שראן בארעא דישראל כו'. דכתי' כמה פעמים ושמחתם לפני ה' אלקיכם דאיתא שמחתי מתוך יראתי ויראתי מתוך שמחתי. ובחוץ לארץ העיקר היראה. ומכח היראה זוכין לשמחה. ובא"י העיקר השמחה. ומתוך השמחה זוכין ליראה. וכן הוא בימי המעשה שמחתי מתוך יראתי ובש"ק שנק' יום שמחה כמ"ש ז"ל וביום שמחתכם אלו השבתות אז יראתי מתוך שמחתי. ובאמת עיקר השמחה בהתגלות כח הנשמה. ובש"ק דיש נשמה יתירה יומא דנשמתין הוא השמחה כמ"ש שמחתני כו' בפעלך במעשי ידיך ארנן זהו הנשמות מעשה ידיו של הקב"ה כמ"ש ונשמות אני עשיתי. וכמו כן בא"י ובמקדש זכו להארת הנשמה כמ"ש נותן נשמה לעם עלי'.

(שפת אמת, ראה, תרס"א)

## לא תחסר כל

למה נקרא שמה [של ארץ ישראל] תבל? שהיא מתובלת בכל, שכל הארצות יש בזו מה שאין בזו ויש בזו מה שאין בזו; אבל ארץ-ישראל אינה חסרה כלום, שנאמר: "לא תחסר כל בה"..

(ילקוט שמעוני במדבר שלח יג, רמז תשמג)

אם הבנים שמחה - המשך מדף א'

אויך אינעם כלל פון רשע, אבער מען קען עס פארשטיין, ווייל ער פרעגט נישט צו 'ישראל' איז אין כלל פון 'רשע', נאר צו 'יעקב' איז אין כלל, וואס דאס גייט בדרך הכלל ארויף אויף איינעם וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס באדארף צו זיין, כדברי חז"ל[89], די קשיא איז געווען צו די אידן וואס זענען אין די בחינה פון יעקב, די רשעי ישראל וועלן ח"ו אויך ווערן אריינגערעכנט אין די פסוק 'רשע', און אזוי ווי עשו וועט פארלוירן ווערן מיט זיין רשעות, אזוי אויך חלילה וועלן די אידישע רשעים ווערן פארלענדט, אויף דעם האט ער געענטפערט, אז עס שטייט נישט 'רשעים' נאר 'רשע', צו מרמז זיין אז דוקא עשו מיט זיינע קינדער וועלן ווערן פארלענדט, אויב וואלט געשטאנען 'רשעים', וואלט עס טאקע אפשר געמיינט אלע רשעים, אידן און נישט אידן, אבער דאסווארט 'רשע' ווייזט אויף איין רשע, וואס דאס איז עשו, אבער די רשעי ישראל זענען נישט פארלוירן און קיינער וועט נישט פארלוירן גיין, ווייל עס איז זיי מעגליך מיט תיקונים דורך יסורים וכדו', און עס איז נישטא א רשע ביי אידן וואס איז נישט מהרהר בתשובה, עכ"ל.

האב איך געזעהן אן אונטערסאנטע זאך אינעם מהרי"ל[90], ווי ער שרייבט "לימות המשיח וועט מען מער נישט מקבל זיין תשובה, אזוי ווי מען וועט שוין דעמאלטס נישט מקבל זיין גרים, ווייל דער וואס וועט זיך דעמאלטס וועלן מגייר זיין איז עס נישט וועגן זיין ליבשאפט צום אייבירשטען, נאר ווייל ער וויל זיך מיטפרייען מיט די אידישע שמחה, און אזוי ווי מיר האפן אויף די ישועה א יעדן טאג, איז דער וואס טוט נישט תשובה און פונקט קומט אן משיח, וועט ער מער נישט קענען תשובה טוהן און וועט בלייבן מיט זיין זינד, ח"ו", עכ"ל. דאס איז א דבר פלא אז תשובה וועט נישט העלפן דעמאלטס ח"ו, אין מדרש שיר השירים[91] זעהן מיר פונקט פארקערט, ווי דער מדרש זאגט אויפן פסוק[92] "מַשָּׂא דְבַר ה' בְּאֶרֶץ חַדְרָךְ - עס וועט דעמאלטס ארומגעפירט ווערן דעם אייבירשטענס ווארט אין ווייטן לאנד", די ווארט חַדְרָךְ גייט ארויף אויף מלך המשיח, וואס ער וועט מדריך זיין די גאנצע וועלט צו תשובה. אזוי אויך זעהן מיר אין תנא דבי אליהו[93], "אבי שבשמים, זאל דיין נאמען זיין געבענטשט אויף אייביג ולעולמי עולמים, און זאלסט האבן א קורת רוח, א נחת פון דיין קנעכט ישראל איבעראל ווי זיי וואוינען, צוליב דעם וואס די האסט געזאגט אז די ביזט מקבל די פושעי ישראל מיט תשובה, אז אפילו אויב איינער האט געטוהן איין עבירה מער פון די אנדערע און ער טוט תשובה, וועל איך זיך באגיין מיט אים ברחמים און מקבל זיין זיין תשובה, אפילו ער וועט זיין מחרף און מגדף אנטקעגן דעם אייבירשטען און ער וועט תשובה טוהן, וועסטו הקב"ה אים מוחל זיין אויף אלעם, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק[94], "אָז תִּפָּקַחְנָה עֵינֵי עִוְרִים - דעמאלטס וועסטו עפענען די אויגן פון די בלינדע, וְאָזְנֵי חֵרְשִׁים תִּפָּתַחְנָה - און די אויערן פון די טויבע וועסטו אויפמאכן, אָז יְדַלֵּג כָּאַיָּל פִּסֵּחַ - דעמאלטס וועט א געלעהמטער שפרינגען ווי אן איל, וְתָרֹן לְשׁוֹן אִלֵּם וגו' - און עס וועט זיך אויפבינדען דאס צונג פון דעם שטומען", ווער איז א בלינדער, א טויבער, א געלעהמטער, און א שטומער, נאר איינער וואס עס פעלט אים תורה און מעשים טובים, ווי דער פסוק זאגט ווייטער, "כִּי נִבְקְעוּ בַמִּדְבָּר מַיִם וּנְחָלִים בָּעֲרָבָה - ווייל עס האבן זיך אויפגעשפאלטן וואסער און קוועלער אינעם מדבר", עכ"ל. איז דער ישועות יעקב[95] מפרש אויפן פלאץ, "ער וויל דא זאגן אז אויב מיינט א שטימער און א טויבער פשוט פשט, דאן וואס איז דער טעם אז זיי וועלן ווערן אויסגעהיילט מיט וואסער וואס וועט ארויסגיין אין מדבר, נאר וואס דען, ער וויל זאגן אז "מלאה הארץ דעה" די וועלט וועט פיל ווערן מיט דעת, עכ"ל. זעהן מיר אז די פסוק רעדט פון ימות המשיח און אפילו די וואס זענען מחרף און מגדף כלפי מעלה וועלן אויך קענען תשובה טוהן, כי מלאה הארץ דעה. ווי רש"י שרייבט אויף דעם פסוק, "אָז תִּפָּקַחְנָה עֵינֵי עִוְרִים, די וואס זענען ביז יעצט געווען בלינד פון צו מכיר זיין אינעם מורא פונעם אייבירשטען, און די אויערן פון די טויבע וואס האבן נישט צוגעהערט צו די רייד פון די נביאים, וועט זיך עפענען, ווייל איך וועל אין זיי אריינגעבן א רוח נכון מיר צו פארכטן", עיי"ש אין דעם גאנצן פרק וואס רעדט פון גאולה. אזוי איז אויך געווען אין די צייט פון עזרא וואס זייער קרבן איז נתקבל געווארן. לכאורה לויט דעם, זענען די ווערטער פון דעם מהרי"ל א פלא.

כדי צו פארענטפערן זיינע ווערטער, קען זיין אז זיין כוונה איז נאר געווען צו מעורר זיין די צוהערער אז זיי זאלן תיכף תשובה טוהן נאך פאר משיח צדקינו קומט, די מדרגה פון תשובה איז העכער כמבואר בדברי חז"ל[96], אבער באמת וועט רבינו מהרי"ל אויך מודה זיין לדברי רבותינו בעלי המדרש הנ"ל, אז משיח וועט אננעמען א יעדן איד מיט תשובה.

המשך בגליון הבא אי"ה

[89] מדרש רבה פר' כ, אות כב

[90] הלכות עשי"ת, ד"ה הפטרת

[91] פר' ז, ה

[92] זכריה ט, א

[93] פרק כב

[94] ישעיהו לה, ה-ו

[95] אות טז

[96] סנהדרין צז, ב - במ"ר פר' ז, אות י - תנדא"ר פרק טז, אות ז

# לארכה ולרחבה

באשריבן שטעט, דערפלעך, היסטארישע פלעצער, און מקומות הקדושים אין ארץ ישראל

## קבר יוסף הצדיק

שכם

די מקום קבורה פון יוסף הצדיק ווערט דערמאנט אין ספרים און אין מעמוארן פון רייזענדער שוין פאר די לעצטע צוויי טויזענט יאר. די חלקה איז איינע פון די דריי פלעצער וואס ווערט דערמאנט אין די תורה אז עס איז געווארן אפגעקויפט בכסף מלא, די אנדערע צוויי זענען די מערת המכפלה און דעם מקום המקדש.

יוסף הצדיק איז נפטר געווארן אין מצרים, אבער ער האט געבעטן און באשוואוירן די ברודער אז זיי זאלן אים ארויפטראגן קיין ארץ ישראל, און ווען די אידן זענען ארויס פון מצרים, האט משה רבינו זיך אפגעגעבן מיט טראגן די עצמות יוסף. אזוי ווי די אידן זענען אריין אין ארץ ישראל האט מען אים באגראבן אין די פעלד וואס יעקב אבינו האט אפגעקויפט, ווי עס שטייט אין פסוק "וְאֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר הֶעֱלוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם, קָבְרוּ בִשְׁכֶם, בְּחֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר קָנָה יַעֲקֹב מֵאֵת בְּנֵי חֲמוֹר, אֲבִי שְׁכֶם, בְּמֵאָה קְשִׂיטָה" (יהושע כד, לב).

ביי די צוויי זייטן פון דעם קבר איז דא צוויי זיילען, וואס די מסורה איז, אז דאס זענען די מצבות פון אפרים און מנשה.

נאך די אסלו-אפמאך איז טאקע געבליבן די קבר אונטער די בעלות פון ארץ ישראל, אבער צוליב זיכערהייט סיבות קען מען אהינפארן נאר מיט מיליטערישע באגלייטונג. ערב סוכות תשנ"ו איז די קבר געווארן באפאלען פון פאלעסטינער טעראריסטן און עס זענען דארט אומגעקומען זעקס סאלדאטען הי"ד, די רוצחים האבן דאן פארברענט הונדערטער ספרי קודש.

אין צווייטן טאג ראש השנה תשס"א, איז דאס פלאץ נאכאמאהל באפאלען געווארן דורך די מחבלים און איין סאלדאט איז אומגעקומען, ווי אויך א איד פון אלון מורה הי"ד. נאך שלאכטן פון עטליכע טעג האבן זיי אונטערגעצינדען דעם בנין פונעם קבר און מחלל געווען דעם מקום קדוש אויף א געפערליכן אויפן ר"ל.

די קבר איז געווארן איבערגעבויט אין יאר תשס"ח. און אין יאר תשע"א האבן רוצחים אומגעברענגט א ברסלב'ע חסיד יוסף לבנת הי"ד בשעת ער איז אנגעקומען צום קבר.

כ"ו אייר וואס ווערט גערעכנט אין די ספירת העומר אלס די מדה "יסוד שביסוד", ווי אויך אין סכות ביום האושפיזין של יוסף, איז א זמן וואס טויזענטער אידן קומען זיך משתטח זיין אויף זיין קבר. ווי אויך איז מען פוקד דעם ציון א יעדן ערב ר"ח. די יומא דהילולא איז ר"ח תמוז, וואס איז אויך דעם טאג ווען ער איז געבוירן געווארן.

